ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



כ"ז ניסן תשס"ה

פרשת קדושים

טייערע קינדער שלוחים,

א גוטן ערב שבת. דער היי'ליקע יום טוב פון פסח איז אריבער, אבער עס האט זיך ניט געענדיקט. "דער אלטער רבי האט ניט אריינגעשטעלט אין סידור נאך דער הגדה די ווערטער "חסל סידור פסח" ווייל בא חב"ד ענדיקט זיך ניט דער פסח נאר ער ווערט נמשך שטענדיק" (הגדה של פסח עם לקוטי טעמים ומנהגים ע' נ). יעדער גוטע זאך דארף לאזן א שטארקע איינדרוק ביי אונז. מיר מוזן יעצט נעמען די כחות פון פסח צו קוקען אויפן וועלט מיט א גאולה'דיקן קוק, און בעטן שוין צו זיין אין ירושלים מיט משיח נאו!!!

איידלה וועכטער

## דערציי'ן מיר א מעשה

ווען ער איז געווען אכט אדער ניין יאר אלט איז לוי מארקעל אפט געגאנגען צו באקומען א דאלער און א ברכה פון דער רבי.

איין זונטיג, נאך ער האט באקומען א דאלער, האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז היינט איז זיין ברודער'ס יום הולדת און ער וויל בעטן א דאלער אויך פאר אים.

דער רבי האט אים געגעבן א דאלער און געזאגט " דאס איז פאר משה."

נאר נאכדעם האט לוי געכאפט וואס איז געשעהן. ער האט ניט געזאגט פארן רבי'ן וועלכע ברודער האט היינט א יום הולדת!!



*יעדער חסיד איז אזוי טייער ביים רבי'ן אז דער רבי ווייסט יעדער איינער מיט זיין נאמען.*

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת קדושים

### ואהבת לרעך כמוך

אויפן פסוק "ואהבת לרעך כמוך" ברענגט רש"י דעם מאמר פון רבי עקיבא "זה כלל גדול בתורה".

דאס שטרייכט אונטער די וויכטיקייט פון דער מצוה, אז דאס איז א גרויסער כלל אין תורה, ובמילא פארשטייט מען, אז ווען מען לערנט וועגן דער מצוה אין תורה, איז דאס די פאסיקע צייט צו אננעמען אויף זיך צו טאן נאך מער אין דער מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך".

די אנווייזונג האט א ספעציעלע שייכות צו דער צייט אין יאר ווען מען לערנט דעם פסוק "ואהבת לרעך כמוך" - אין חודש אייר, אין די טעג פון ספירה:

די גמרא דערציילט, אז צווישן פסח און שבועות (אין די טעג פון ספירת העומר) זיינען די פיר און צוואנציק טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא באשטראפט געווארן "מפני שלא נהגו כבוד זה לזה" (זיי האבן זיך ניט געפירט מיט כבוד איינער צום צווייטן).

פון דער צווייטער זייט, זיינען געווען תלמידים פון רבי עקיבא וועלכע האבן יע נוהג געווען מיט כבוד איינער צום צווייטן - זיי האבן נאכגעפאלגט די אנווייזונגען פון רבי עקיבא, אנהויבנדיק פון זיין הויפט אנווייזונגען אז "ואהבת לרעך כמוך" איז א "כלל גדול בתורה".

און דאס איז די הוראה דערפון צו יעדערן פון אונז ובפרט אין די טעג פון ספירה:

מען דארף זיך פארשטארקן אין דעם ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" וואס איז א "כלל גדול בתורה", אז יעדער אידיש קינד זאל נוהג כבוד זיין מיט זיינע פריינט, אינגעלעך - מיט זיינע חברים, און מיידעלעך - מיט אירע חבר'טעס.

א אידיש קינד דארף באווייזן אלעמען א לעבעדיקן ביישפיל ווי אזוי א אידיש קינד, ובפרט פון "צבאות השם", דארף זיך פירן אין זיין טאג טעגלעכן לעבן, אין אן אופן פון "ואהבת לרעך כמוך", אין א תורה וועג.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער - ו' אייר תשמ"ב)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# די י״ב פסוקים

## לכבוד י״א ניסן לייגן מיר צו יעדער וואך אין חדש ניסן א חלק פון די י״ב פסוקים ומאמרי חז״ל מיט ביאורים (אהלי מנחם)

**ואהבת לרעך כמוך - רבי עקיבא אומר זה כלל גדול בתורה**

״זאלסט ליב האבן דיין פריינט ווי זיך אליין״ - זאגט רבי עקיבא אז דאס איז א גרויסער כלל אין תורה.



א אידישער אינגעלע און א אידישע מיידעלע טארן זיך ניט באנוגנען מיט זייער אייגענע שטייגן אין אידישקייט נאר דער אינגל דארף זארגן אויך פאר זיינע חברים און דאס מיידל פאר אירע חבר׳טעס אז אויך זיי זאלן דערגרייכן צו די העכסטע שטופן. און אויך דאס דארף געטאן ווערן מיט די געהעריקע אנשטריינגונג און מיט די זעלבע הארציקע איבערגעגעבנקייט ווי מען טוט א זאך פאר זיך אליין.

**וזה כל האדם ותכלית בריאתו ובריאת כל העולמות עליונים ותחתונים להיות לו דירה זו בתחתונים**

*און דאס איז דער גאנצער מענטש און דער תכלית פון זיין באשאפונג פון אלע וועלטן, די העכערע און די נידעריקע אז ער (דער אויבערשטער) זאל האבן א דירה (וואוינונגס-ארט) דא אונטן.*



די אלע אויבענדערמאנטע זאכן פירן צו איין תכלית - צו מאכן פון אונזער וועלט א דירה פאר דעם אויבערשטן, וואס דאס איז דער תכלית פון דער גאנצע באשעפעניש, און דעריבער דארף א אידישער קינד זיין העכסט גליקלאך מיט׳ן דערפילן די אויבענדערמאנטע זאכן, ווארום דערמיט דערפילט ער זיין שליחות ווי אויך דעם תכלית פון דער גאנצער בריאה.

**ישמח ישראל בעושיו פירוש שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה׳ אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים**

*ישראל וועט זיך פרייען מיט דעם וואס האט אים געמאכט, דאס מיינט אז יעדער איינער וואס איז מזרע ישראל דארף זיך פרייען מיט דער שמחה פון ג-ט וועלכער איז צופרידן און פרייט זיך מיט זיין דירה דא אונטן.*



די שמחה פון א אידן אין שאפן א דירה פאר דעם אויבערשטן דארף זיין ניט בלויז מצד דעם וואס דורך דעם דערפילט ער זיין תכלית, נאר נאך מער - מצד דעם וואס דורך דעם פארשאפט ער שמחה און פרייד בא דעם אויבערשטן וואס דאס פארגרעסערט די שמחה און חיות פונעם אידן אין טאן די אלע אויבענדערמאנטן זאכן.




**Don't forget to count Sefiras Haomer!**

**(not sure how to write it in Yiddish)**

# דעם חסידישן לוח

## כ״ח ניסן תשנ״א



**״איך גיב דאס איבער יעדערן פון אייך.״**

כ״ח ניסן תשנ״א האט דער רבי גערעט א שיחה וועגן די טייערקייט פון דער צייט און אז דאס איז אזא גוטע צייט אויף גאולה. דערנאך האט דער רבי געזאגט ״אבער נאך אלץ איז משיח ניט געקומען. און דאס איז א זאך וואס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק....

און דא זיינען צוזאמען צענדליקע אידן, ווי קען עס זיין אז זיי מאנען ניט פון דעם אויבערשטן צו געבן משיח?

און פארוואס זאגן זיי ניט עד מתי מיט אן אמת?״

דערנאך ענדיקט דער רבי ״דער איינציגסטע זאך וואס איך קען טאן איז דאס איבערגעבן צו יעדער פון אייך און **טוט אלץ וואס איר קענט!** צו ברענגן משיח. מיט גרויסע ליכטיקייט-שטארקייט- אבער אין א פראקטישע וועג און ברענג משיח!״

(אבער נאך אלץ האט דער רבי זיכער וויטער געטאן און האט גלייך געזאגט), איך גיב געלט פאר יעדער פון אייך אויף אפגעבן פאר צדקה ווייל ׳גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה׳ און זאל דער אויבערשטער העלפן אז מען זאל טאקע ברענגען דעם גאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש תיכף ומיד ממש!!״

קינדער אויף אזא טאג דארפן מיר זיך שטארקן נאך מער אין אונזער עבודה צו ענדיגן דעם תפקיד וואס דער רבי האט געלייגט אויף אונז און טאקע ברענגען משיח יעצט!!

## משיח נאו!

עס איז פאראן דער ענין וואס אחרון של פסח איז דער גילוי פון משיח, וואס איז שייך לכל ישראל. פסח איז דאך דער מדלג און ליל שמורים, און בכלל הערט זיך חרות׳דיק, און נאכדעם פאלט מען אריין אין וועלט, איז דאס איז דער גילוי פון משיח, דער תוקף וואס עס גיט אז מ׳זאל קענען געהן אין וועלט.״

*(היום יום - כ״ג ניסן אסרו חג)*

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ה ניסן, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

# שאלות—פרשת קדושים

1. וועלכע מצוה האט רבי עקיבא גערופען א גרויסע כלל אין תורה?______

______________________________________________

2. וואס איז געשעהן אין די טעג פון ספירת העומר?______________

3. פארוואס איז דאס געשעהן?______________________

4. וויאזוי איז דאס פארבונדען מיט דעם מאמר פון רבי עקיבא?________

______________________________________________

5. וואס נעמט מען פון פסוז?______________________

6. וואס האט דער רבי געזאגט אויף כ"ז ניסן?________________

7. וואס קענסטו טאן צו ברענגען גאולה?_________________

8. וויאזוי באווייזט מען ליבשאפט צו נאך א איד?______________

9. וואס איז דער תפקיד פון א איד?____________________

10. וואס ברענגט א איד שמחה?_____________________

נאמען: ____________________ ווי אלט: _____

אדרעס:______________________________

אי-מייעל: ____________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org